**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/2/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט פארקס הונדערטסטע יארטאג "טיילט מיט אייער געשיכטע" פראיעקט**

***ניו יארקער זענען פארבעטן צו אפצייכענען 100 יאר פון די סטעיט פארקס דורכן מיטטיילן זכרונות דורכאויס דעם יאר פון די הונדערטסטע יארטאג***

***קאמפיין איז טייל פון א פילפאכיגע 2024 פייערונג פון ניו יארק סטעיט'ס פארקס און היסטארישע ערטער***

***זעהט הונדערטסטע יארטאג 'טיילט מיט אייער געשיכטע' [ווידעאו](#) צו לערנען וויאזוי עס ארבעט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דעם דיגיטאלן "טיילט מיט אייער געשיכטע" (Share Your Story) פראיעקט און זי האט פארבעטן די פובליקום צו מיטטיילן געשיכטעס, בילדער און ווידעאוס וואס זענען זכרונות פון זייערע איבערלעבענישן ביי ניו יארק סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער. די מולטימידיע קאמפיין וועט לויפן דורכאויס 2024 אין פייערונג פון די הונדערטסטע יארטאג פון די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation).

"פאר 100'טע יארן האבן ניו יארקער באזוכט סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער צו מאכן זכרונות, צו לערנען און אנדעקן און צו הנאה האבן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פראיעקט איז א טשאנס זיך צוזאמצוקומען צו צוריקקוקן אויף די זכרונות, אויסהערן איינער דעם אנדערן'ס געשיכטעס און פייערן איינס פון ניו יארק סטעיט'ס מערסט באדייטנדע ענווייראמענטאלע און קולטורישע טראדיציעס און די ראלע וואס עס האט געשפילט אין אונזערע לעבנס. שעמט אייך נישט, טיילט מיט אייער געשיכטע."

די ניו יארק סטעיט פארקס אפיס איז איפעקוממען מיט עטליכע וועגן פאר מענטשן צו מיטטיילן זייערע געשיכטעס, אלע פון וועלכע זענען ערקלערט אין איינצלהייטן אויף זייער ['טיילט מיט אייער געשיכטע' וועבזייטל](#). ווערטער, בילדער און ווידעאוס קענען אריינגעשיקט ווערן דורך אימעיל צו [stories@parks.ny.gov](mailto:stories@parks.ny.gov). מענטשן קענען ארויפלייגן אינהאלט אויף Facebook, Instagram אדער X נוצנדיג די העשטעג #NYStateParksStory. מענטשן קענען אויך אריינגעבן געשיכטעס נאר פון ווערטער מיט ביז 500 ווערטער, נוצנדיג די אריינגעבונג בויגן אויף parks.ny.gov/100/story.

דורכאויס 2024 וועט די פובליקום אויך האבן די געלעגנהייט צו הערן איינער דעם אנדערן'ס געשיכטעס. געשיכטעס וועלן מיטגעטיילט ווערן אויף די ניו יארק סטעיט פארקס אפיס'ס Instagram, Facebook און X פלאטפארמעס אויף @NYStateParks. געשיכטעס וועלן אויך ארויפגעלייגט ווערן אויף די ניו יארק סטעיט פארקס אפיס 'בלאַג' אויף nystateparks.blog; אויף די ניו יארק סטעיט פארקס אפיס וועבזייטל אויף parks.ny.gov; און אין אימעיל בולעטינס.

"אלס קאמישאנער, האב איך אייביג הנאה צו הערן פון אונזערע איינגעשטעלטע און פון די פובליקום איבער די זכרונות וואס זיי האבן געמאכט ביי פארקס און [היסטארישע] ערטער", **האט פארקס אפיס קאמישאנער עריק קולעסעיד געזאגט**. "זינט מיר האבן אנגעהויבן פלאנירן אונזער הונדערטסטע יארטאג פייערונג, האבן מיר געפילט אז עס איז וויכטיג געווען צו גיבן א געלעגנהייט פאר מענטשן צו מיטטיילן זייערע זכרונות. איך בין שטאלץ צו זעהן די אנהויב פון דעם 'טיילט מיט אייער געשיכטע' פראיעקט. איך פארבעט יעדן איינעם צוריק צו טראכטן, זיך פארבינדן מיט אייערע פריינט און פאמיליע, ארויסנעמען די אלטע בילדער אלבומען, איינשטעקן די אלטע מעמארי האַרד דרייווס און מיטטיילן אייערע געשיכטעס מיט אייערע ניו יארקע שכנים."

כדי צו אויפפרישן זכרונות, וועלן "סטאָרי פונקען" (Story Sparks) רעגלמעסיג ארויפגעלייגט ווערן אויף די סטעיט פארקס אפיס'ס סאָושעל מידיע פלאטפארמעס (@nystateparks) און אזוי אויך געשיקט ווערן אין הונדערטסטע יארטאג אימעיל בולעטינס. איינגעשטעלטע פון די פארקס און היסטארישע ערטער טיילן מיט פון זייערע אייגענע זכרונות אין א ווידעאו סעריע וואס קומט ארויס אין די קומענדיגע וואכן. עטליכע פראמינענטע ניו יארקער וועלן אויך מיטטיילן זייערע זכרונות אין א סעריע פון ווידעאוס וואס קומען ארויס שפעטער דאס יאר. זיך באטייליגן אין 'טיילט מיט אייערע געשיכטעס' ווערט פארערעכנט אלס א 'מיסיע' פאר די הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש וואס איז אנאנסירט געווארן אין דעצעמבער.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס, גאָלף קורסעס, שיפלעך פארטן און מער, וואס האבן געזעהן דורך א רעקארד-הויכע צאל פון 79.5 מיליאן באזוכן אין 2022. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט www.parks.ny.gov, דאַונלאָודט די אומזיסטע NY State Parks Explorer עפּ אדער רופט 518.474.0456: שליסט זיך אן מיט אונז ביים פייערן אונזער הונדערטסטע יארטאג דורכאויס 2024, און פארבינדט אייך מיט אונז אויף Facebook, Instagram, Twitter און אויף די OPRHP 'בלאָג'.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן